## קאַפּיטל אכצן

# פּויערים פון גליל און עמק

איך בין געגאַנגען איבער די גאַסן פון תל-אביב אָן אַ צוועק און אַ ציל. איך האָב געוואָלט איינזאַפּן אין זיך דעם טומל, דעם רויש, די פריילעכקייט און קלאַנג פון דער אויסשליסלעך יידישער שטאָט. איך האָב געציילט די קאַפעען, די קיאָסקן פון צייטונגען, זשורנאַלן און לייכטער ליטעראַטור און די ביכער-געשעפטן. איך האָב געלייענט די אַפּישן אויף די קיילעכדיקע סלופּעס, וואָס זענען ספּעציעל אויפגעשטעלט געוואָרן פאַר דעם צוועק. איך האָב געזוכט מיט ליכט אַ שענק, אַ באַר ווי מיר רופן עס אין אַמעריקע, און נישט געפונען. איך האָב געציילט און געחשבונט וויפיל יידן רעדן העברעאיש, וויפיל יידן רעדן יידיש און וויפיל יידן רעדן אַנדערע שפּראַכן.

ס'איז געווען אַ הייסער טאָג, אָבער די גאַסן זענען געווען פול און רוישיק און איך האָב געשפּאַצירט מיט די הענט אין די קעשענעס, געגאַנגען פּאַמעלעך, נישט געאיילט זיך און געפּרובירט נישט דורכצולאָזן די מינדסטע קלייניקייט.

מיטאַמאָל האָב איך דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל און איך האָב דערהערט אַ פריידיקן אויסגעשריי: — הערט נאָר אַ מעשה! איך קלייב זיך צו פאָרן צו אייך קיין רעננה, ערשט אַט זענט איר! איר שפּאַצירט גאָר אַרום מיט די הענט אין די קעשענעס אין תל-אביב.

איך האָב זיך אַ קער געטון און דערזען חיימען פון אפיקים, דער איינקויפער פאַרן קיבוץ ביי וועמען איך האָב פאַרבראַכט אַ סוף וואָך. איך האָב זיך אַרומגעכאַפּט מיט אים און געפרעגט:

— צוליב וואָס האָט איר געוואָלט פאָרן קיין רעננה?

— יאָ, איר האָט שוין פאַרגעסן — האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער

האַנט — איך האָב דאָך מיט אייך אָפּגערעדט אין אפיקים, אַז איך וועל שיקן מיט אייך אַ מתנה צו מיין שוויגער קיין אַמעריקע. האָב איך געקויפט אַ חנוכה מנורה, אַן אַנטיקל, זאָג איך אייך. נו, האָב איך געטראַכט צוצופאָרן קיין רעננה און אייך איבערגעבן די מנורה. ערשט איר זענט דאָ. האָט איר דאָך מיר פאַר־שפּאָרט די טרחה.

— ווו איז די מנורה?

— ביי אונדז אין שוק פון תנובה (אין מאַרק פון קאָאָפּעראַטיוו) — האָט ער געענטפערט — קומט מיט מיר, וועט איר אין איין וועג זען דעם הויפּט מאַרק פון תנובה און די איבעריקע לאַגער־שפּייכלערס. אמת טאַקע נישט אַזוי גרויס ווי ביי אייך אין ניו־יאָרק דער „פולטן סטריט מאַרקעט”, אָבער דאָך קאָן מען אונדזער פאַרמעגן נישט אַוועקמאַכן מיט דער האַנט. דערווייל וועט איר זען די פאָרשטייער פון אַלע קיבוצים פון גליל, עמק הירדן און עמק יזרעאל. נאָכדעם אַז מיר וועלן פאַרטיק ווערן, וועלן מיר אַריין אין אַ מסעדה, אין אַ רעסטאָראַציע, כאַפּן אַ ביס און אַ שמועס טון.

איך בין געגאַנגען מיט אים. חיים איז געווען אָנגעלאָדן מיט פּעק און פּעקלעך. אויף דעם רעכטן אָרעם האָט ער געהאַלטן אַ לאַנגע גומענע קישקע, אַ קישקע מיט וועלכער מען באַוואַסערט אַ גאָרטן. איבערן אַקסל איז ביי אים געווען אַריבערגעוואָרפן אַ פּעקל דראָט צונויפגעדרייט ווי אַ רייף. אין דער רעכטער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פלאַכן פּעקל, קאָנטיק אַ מין סחורה, געוואַנט, קאָרט אָדער ציץ. אונטערן פּאַכווע האָט ער שטייף געהאַלטן אַ גרויסע ליאַלקע.

איך האָב ביי אים געפּרובירט צונעמען אַ פּעקל, האָט ער עס נישט אַרויס־געלאָזטן פון דער האַנט.

— נישקשה, איך בין שוין צוגעוווינט צו שלעפּן פּעקלעך — האָט ער מיר געענטפערט.

מיר זענען צוגעקומען צו אַ גאַס, וואָס איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון לאַ־גער־קראָמען. די גרעסטע לאַגער־קראָם איז געווען פון תנובה. מיר זענען אַהין אַריין. לעבן מיר איז געשטאַנען אַ טישל מיט אַ טעלעפאָן, לעבן טישל איז גע־זעסן אַ יונגערמאַן שוואַרץ ווי קויל. ער האָט זיך באַגריסט מיט חיימען און חיים האָט אַ שפּאַס געטון:

— ער איז דאָ דער איינציקער ייד וואָס רעדט נישט קיין יידיש. און ווען מיר ווילן עפּעס זאָגן וואָס ער זאָל נישט פאַרשטיין, רעדן מיר צווישן זיך יידיש.

דער יונגערמאַן האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ פולן מויל גרויסע, ווייסע ציינער און געזאָגט:

— איך איצט מבין יידיש. לא ווי א גלות יהודי, אָבער מבין טוב.

חיים האָט אים א פּאַטש געטון אין פּלייצע:

— וועסט נאָך ווערן א לייט און רעדן יידיש ווי אַן אַמעריקאַנער „בוי־טשיקל" (יינגל). האָט דער קיבוץ טעלעפאָנירט? — האָט ער אים געפרעגט אויף העברעאיש.

— לאָ, ניין, — האָט אים דער תימנער יונגערמאַן געענטפערט.

— אויב אַזוי איז אונדז גוט, האָט חיים זיך געווענדט צו מיר, איך האָב א גאַנצן האַלבן טאָג פריי.

ער איז צוגעגאַנגען צו א ווינקל פון לאַגער־קראָם און אויסגעלייגט זיינע פּעקלעך. אויף יעדן פּעקל איז געווען אָנגעבונדן א האַרטער שטיקל קאַרטאָן מיטן נאָמען פון קיבוץ. דער אָנטרייבער פון לאַסט־אויטאָמאָביל, וואָס וועט נאָכמיטיק אָפּפאָרן אין דעם קיבוץ וועט מיטנעמען די פּעקלעך.

די פאָרשטייערס פון די קיבוצים האָבן אָנגעהויבן אָנקומען, יעדער איינער איבערגעלאָדן מיט פּעקלעך. דער יונגערמאַן ביים טיר האָט יעדן איינעם אָנגערופן ביים ערשטן נאָמען און צו א סך פון זיי איבערגעגעבן אָנווייזונגען פון זייערע קיבוצים.

ס'האָט זיך צוזאַמענגעקליבן א היפּשע צאָל מענטשן. חיים האָט פונאַנדערגענומען א קליין פּעקעלע און געוויזן דעם עולם דעם מנורה־לאָמפּ, וואָס ער שיקט צו זיין שוויגער קיין אַמעריקע מיט אָט דעם אַמעריקאַנער.

ס'איז געווען גאָר א פיינער מנורה־לאָמפּ. איך האָב א פרעג געטון חיימען:

— זאָגט נאָר מיר, ווי איך זע איז דער לאָמפּ ווערט אַרום זעקס פונט. א היפּשע מטבע פאַר א מתנה. נו, ר' חיים, ווו נעמט א קיבוצניק אַזויפיל געלט פאַר א מתנה?

חיים האָט א קוועטש געטון מיט די פּלייצעס:

— ס'איז א מעשה אָן אַן עק מיט אייך. וויפיל איך האָב מיט אייך גערעדט אין אפיקים קאָנט איר נישט באַנעמען, אַז דער קיבוץ איז נישט קיין באַלעבאָס, וואָס האַלט אַרבעטער, און מעשה באַלעבאָס וויל ער אַרויסקוועטשן פון זיי וויפיל ער קאָן נאָר.

דער קיבוץ איז א משפּחה. א משפחה פאַרזאָרגט אירע מיטגלידער. מיין פרוי און איך זענען געווען אין אַמעריקע א פולן יאָר. מיין שוויגער און שוואָגערס האָבן אונדז אויסגעהאַלטן מיט כל טוב. איצט האָבן מיר א געלעגנהייט צו שיקן זיי א מתנה. נו, זענען מיר געקומען צום קיבוץ, צו דעם קאָמיטעט וואָס האָט צו טון מיט די ענינים, און אים דערקלערט דעם ענין. האָבן מיר גע־

קראַגן געגוג געלט אויף אַ שיינער מתנה. דער קיבוץ איז מחויב צו געבן אויף אַזעלכע זאַכן, אַט ווי דער קיבוץ איז מחויב אויסצוהאַלטן געסט ווען זיי קו-מען צו אַ קיבוצניק.

איך האָב געהאַט נאָך עטלעכע פּראַגעס. למשל, איך בין געווען זייער נייגעריק צו וויסן, אויב נישט אַזאַ וויכטיקער מיטגליד ווי חיים וואָלט אויך געקראָגן אַ זעקס פונט אויף אַ מתנה. אָבער איך האָב זיך צוריקגעהאַלטן ווייל חברה איז געווען פאַרטיפט צו באַקוקן די שיינע מנורה, און איך האָב נישט געוואָלט שטערן. אַ קיבוצניק מיט אַ טשופּרינע שוואַרצע האָר און אַ פּאָר גרוי-סע, בלויע אויגן האָט באַמערקט:

— אָרעמער חנוכה לאָמפּ, קיין ברכה וועט ער שוין נישט הערן.

חיים האָט שאַרף געענטפערט:

— קוק אים נאָר אָן! אַ נייער צדיק, ער מוז דווקא האָבן אַ ברכה צו די חנוכה ליכטלעך.

חברה האָט זיך צעלאַכט און אָנגעהויבן אונטערצואייזלען חיימען:

— גו, געגוג באַלעמוטשעט, לאָמיר גיין עסן.

חיים האָט אָנגעהויבן צו פאַרפּאַקן די חנוכה מנורה און געווענדט זיך צו מיר:

— איר זענט מיין גאַסט און איר גייט מיט אונדז עסן. דער קיבוץ צאָלט.

מיר זענען אַרויס אין דעם ליכטיקן דרויסן. איך בין געבליבן שטיין אויף די טרעפּ פון לאַנגער־קראַם און נאָכגעקוקט זייער גאַנג. רואיקע, שווערע, גע-מאָסטענע טריט. קיין זכר פון דער שטאָטישער נערוועזער רירעוודיקייט. איך בין זיי נאָכגעגאַנגען און זיך צוגעהערט צו זייערע רייד. זיי האָבן גערעדט וועגן דעם מקח פון ווייַנטרויבן, טאָמאַטן, גרינע פעפערלעך און קוקורוזע. נאָכדעם האָבן זיי געשמועסט וועגן וואַסער, וועגן אַקערן, לאַסט אויטאָמאָבילן, בהמות און הינער־שטייגן.

מיר זענען פאַרביי עטלעכע פיינע קאַפעען. איך האָב געחלשט אַריינצו-גיין אין אַ קילער גראַמער קאַפע, אָבער זיי האָבן זיך נישט אָפּגעשטעלט ביז מיר זענען צוגעקומען צו אַ רעסטאָראַציע, וואָס האָט פאַרנומען אַ לאַנגע און שמאָלע קראָם. די גרויסע וויטרינע איז נישט געווען פאַרשטעלט מיט קיין לייוונטענעם דעכל, דער אינעווייניק האָט אויסגעזען היים און פאַרשטיקט. ס'איז געווען אַ מסעדה־רעסטאָראַציע, פון סוג אלף, פון די ביליקסטע רעסטאַ-ראַציעס.

דער באַלעבאָס האָט צוזאַמענגערוקט דריי טישלעך און מיר האָבן זיך אַרומגעזעצט אַרום דעם לאַנג־געמאַכטן טיש. זיי האָבן גוט דורכגעקוקט דאָס צעטל פון עסן, זיך דורכגערעדט וועגן יעדן מאכל און דערנאָך באַשטעלט דעם

מאַלצייט. איך האָב באַשטעלט אַ סאַנדוויטש און געפּרווירענע קאַווע. אַ קי־בוצניק האָט זיך אַ וויצל געטון:

— איר ווילט שפּאָרן אפּיקים אַ פּאָר פּיאַסטער?

איך האָב זיי דערקלערט אַז אין אַמעריקע עסט מען דעם הויפּט מאָל־צייט אין אָוונט און בכלל ווי אַזוי קאָן מען עסן אַ שווערן מאָלצייט אין אַזאַ היץ? זיי האָבן זיך צעלאַכט:

— נישקשה, דערלאַנגט נאָר, ס'וועט אונדז נישט פאַרשאַטן. וואָס מיינט איר זענען מיר „ווייסע הענטלעך?"

מען האָט געגעסן שווייגנדיק. אָפּגעגעסן איז דער באַלעבאָס צוגעגאַנגען און געפרעגט:

— וואָס הערט זיך וועגן פּודינג?

— מיר זענען זאַט האָט חברה געענטפערט.

— אָבער ס'איז היינט אַ טייל פון מאָלצייט, האָט דער באַלעבאָס גע־זאָגט.

— נו, אַז עס קומט אונדז איז דערלאַנגט, האָט חברה געענטפערט, מירן עס נישט איבערלאָזן.

ווען מען האָט געענדיקט דעם מאָלצייט, האָט דער באַלעבאָס דער־לאַנגט דאָס רעכענונג. יעדער איינער האָט פּאָרזיכטיק איבערגעקוקט די ציפערן אויף זיין צעטל און פאַרגלייכט די מקחים פון דער רעכענונג מיט די רעגירונגס־פּרייזן, וואָס זענען געווען אָפּגעדרוקט אויף אַ פּלאַקאַט, וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. נאָכדעם ווי יעדער איינער האָט פאַר זיך צוזאַמענגערעכנט זיין חשבון, און אויסגעפונען אַז ס'איז נישט געווען קיין טעות, האָבן זיי באַצאָלט.

דער באַלעבאָס האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און אויסגערופן מיט פאַרדרוס:

— נו, זאָל זיין אַז איר גלייבט מיר נישט. איך בין דאָך אַ קאַפּיטאַליסט, אַן עקספּלואַטאַטאָר. אָבער גיט צו, אַז איך האָב אַביסל שכל. איך ווייס דאָך אַז מיט קיבוצניקעס הייבט מען זיך נישט אָן. איר היט דאָך די גאַנצע וועלט. איר האָט דאָך, ווי אַלע ווייסן, מצפון (געוויסן).

איינער פון די קיבוצניקעס האָט אַ בורטשע געטון צו זיך:

— עמעצער דאַרף דאָך היטן. ס'וועט קיינעם נישט שאַטן צו וויסן, אַז די וועלט איז נישט הפקר.

איך האָב זיך צעזעגנט מיט דער חברה און חיים און איך זענען אַוועק שפּאַצירן. מיר האָבן באַזוכט לאַנדסלייט און באַקאַנטע. שפּעט נאָך מיטיק בין איך מיט אים אַריין אין אַ קאַפע און מיר זענען געזעסן איבער אַ גלעזל טיי און מיר האָבן פאַרבראַכט.

פאַרן געזעגענען זיך האָט ער מיך געפרעגט:

— נו, ווי געפעלן אייך אונדזערע קיבוצניקעס?

— איך האָב אים געענטפערט:

— איר ווייסט, חיים, עס ווערט דערציילט אין אונדזער געשיכטע, אַז אין דער צייט פון קאַליגולאַ, אַ קורצע צייט פאַרן צווייטן חורבן, האָט דער משוגע־נער צעזאַר באַפוילן זיין פּראָקוראַטאָר אין ארץ ישראל, אַז ער זאָל אַריינשטעלן זיין סטאַטוע, דעם קייסערס מירמלשטיינערנע געשטאַלט, אין בית המקדש. קאַליגולאַ האָט זיך דאָך געהאַלטן פאַר אַ גאָט. האָבן זיך אַ לאָז געטאָן פּויערים פון גליל און פון אַלע עקן פון ארץ ישראל צום פּראָקוראַטאָר אין עכו. טויזנטער און טויזנטער פּויערים האָבן פאַרלאָזן זייערע פעלדער אין מיטן שניט־צייט און באַלאַגערט דעם פּאַלאַץ פון רוימישן פאַרשטייער און זיי האָבן אויסגעשריגן:

— טו מיט אונדז וואָס דו ווילסט. טויט אונדז אַלעמען, אָבער פאַרשוועך נישט דעם בית המקדש!

— זע איך, אפשר גאָרנישט אין דער ווייטער צוקונפט, ווען עס וועט קומען צו אַ וויכטיקער אַנטשיידונג, וועט איר זיך באַווייזן, איר די יידישע פּויערים פון גליל, פון עמק הירדן און פון עמק יזרעאל. איר וועט אָנקומען מיט אייער זיכערן טראָט און אַנטשלאָסענער רואיקייט און איר וועט נישט צולאָזן צו קיין אומרעכט. ווי אונדזערע אור־עלטערן, וועט איר אויך אַוועקלייגן אייער שטעמפּל אויף דער וועלט־געשיכטע. איך זע איצט אין די קיבוצים די ערשטע אָנדייטן און סימנים: איר האָט אויף זיך גענומען כמעט אַן אַסקעטיש לעבן, אַמווייניקסטן אָן מותרות. אייך איז געלונגען ווי אַ משפּחה מענטשן, באַפרייען זיך אַ היפּש ביסל פון דער טאָג־טעגלעכער רוטין פון צו פאַרזאָרגן בלויז די אייגענע משפּחה. איר האָט אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון אייער אייגענעם לעבן די אומה. ווען די אומה האָט זיך פאַרוואַנדלט אין מלוכה, ווילט איר אַ מלוכה, וואָס זאָל קאָנ־קרעטיזירן אייער תורה. ועל כולם האָט איר אָנגענומען דעם יושר פון די נביא־אים. אמת דער יושר איז געצילט דערווייל אויף אייגענע... אָבער דאָך שליסט איר אויס עקספּלואַטאַציע פון אייער עקאָנאָמישן לעבן. איך מיין, אַז דאָס אַלץ וואָס איר האָט געטאָן, איז אַ פּועל־יוצא פון אַ גרויסער סאָציאַלער רעפאָרם־באַ־וועגונג. איר זענט געקומען קיין ארץ ישראל נישט בלויז צו געפינען פערזענ־לעכן גליק און זיכערקייט; איך מיין אַז איר האָט געוואָלט אפילו מער ווי גרינדן אַן אייגענע יידישע מלוכה. איר זענט געקומען צו רעאַליזירן גאָטס קעניגרייך אויף דער ערד, ברענגען די גאולה שלימה פאַר דער גאַנצער וועלט, ווי אייערע פאָטערס און זיידעס האָבן עס געחלומט אין דער צייט פון שיבת ציון. יאָ, — האָב איך אים נישט געלאָזט איבערשלאָגן די רייד, — איך ווייס, איר לייקנט עס. איר האַלט זיך פאַר וועלטלעכע, פאַר כשרע מאַרקסיסטן. אָבער איך זאָג

אייך: איר נאַרט זיך. ביי אייך איז ליבא לפומא לא גלי — דאָס האַרץ אַנט-פּלעקט עס צומאָל נישט אַפילו צום מויל. ס'איז אַ סוד, וואָס איר האַלט פאַר זיך. אָבער אייערע מעשים פאַראַטן אייך.

ער האָט מיך אַ ווײַלע שאַרף אָנגעקוקט, אַ לאַך געטון און מיר געענטפערט:

— ווען איך דערציייל אין קיבוץ, וואָס איר האָט מיר דאָ געזאָגט, וואָלט מען אייך אויסגעלאַכט ווי אַ ראָמאַנטישן גלות-יידן. אָבער אין האַרצן זענען מיר מסכים מיט אייך. אַנישט צו וואָס האָט זיך געלוינט דער גאַנצער עסק? וואַנ-דערן איבער דער וועלט צוויי טויזנט יאָר און דערנאָך קומען אַהער און דורכגיין אַלע עינויי גהינום כדי צו ווערן פּויערים? אָבער פאַר וועלט-גאולה האָט זיך אַלץ געלוינט. נאָר ווי זאָגט איר? דאָס האַרץ אַנטפּלעקט עס צומאָל נישט אַפילו צום מויל. איר, ווי אַ גאַסט, האָט עס באַלד באַמערקט.

חיים, און דיינע חברים פּויערים פון גליל און עמק, הלוואי זאָלן מיר נישט אַנטוישט ווערן פון אייערע מעשים!